עלון תורני שבועי
בס"ד, שנה ב' גליון נב'
חג השבועות תשע"ג

# בנתיבות החיים

הגליון מקודש לע"נ אדמו"ר הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה מריבניץ זצוקללה"ה זיע"א
פרקי חינוך והדרכה מיוסדים על פרשיות השבוע ומועדי השנה

## דרשת התחזקות והכנה לקבה"ת [ליל ששי בה"ב העעל"ט]

### ובאו כולם בברית יחד

ברשות אחי ורעי. מיר זענען זיך צוזאם געקומען לעורר ולהתעורר מיט הכנה צום טאג פון קבה"ת; עס שטייט **ובאו כולם בברית יחד**, ווען אידן האלטן זיך צוזאמען מיט איין מטרה קומט מען צו צום **נעשה ונשמע אמרו כאחד** די קבלת עול התורה והמצוות, וואס דאס ברענגט ארויס דער 'אחדות השם', און עס ווערט נתגלה כבוד שמים. קומט אויס, אז צום נעשה ונשמע מוז זיין די הקדמה פון 'ובאו כולם בברית יחד', און כאיש אחד בלב אחד; ממילא דא אז דער ציבור איז זיך צוזאמגעקומען צו הערן, זיך מעורר זיין און מחזק זיין מיט פרישע קבלות און מיט א פרישע נעם לעשות רצונך בלבב שלם, איז עס א הייליגע זמן.

### קבלת התורה הוא הזמן להתחדש במדת ענוה

דער **מאור עינים** (פ' יתרו) פרעגט וואס איז דער פשט אז יעדעס יאר שבועות זענען מיר מקבל די תוה"ק, עס איז דאך שוין געגעבן געווארן דעמאלטס ביים מעמד הנשגב פון מתן תורה? נאר אין הכי נמי, מיר האבן טאקע דעמאלטס מקבל געווען די תוה"ק, אבער עס שטייט דאך (תיקו"ז, ילקוט שמעוני - משלי) 'בכל יום יהיו דברי תורה בעיניך חדשים כיום שניתנה', און די קבלה, די התחדשות, דאס דארפן מיר מקבל זיין יעדן יאר אום יו"ט שבועות, און דער עיקר פון קבלת התורה איז געווען פסקה זוהמתן, עס איז געווארן אן **אור**, און דעם אור דארפן מיר מקבל זיין יעדעס יאר פונדאסניי; און וויאזוי איז מען מקבל דעם אור, דורך ענווה - משים עצמו כמדבר; און יעדן יאר ווען עס קומט דער יו"ט שבועות דארפן מיר מקבל זיין צו זיין ווי א מדבר מיט די מדת ענוה, דורך דעם וועט מען נישט פארגעסן דאס לערנען, און אויף דעם דארפן מיר מתפלל זיין צו השי"ת ונפשי כעפר לכל תהיה. עכדה"ק.

### התחדשות בתורה בכל יום ובכל עת

קומט אויס, אז דער יסוד פון קבלת התורה יעדעס יאר איז "התחדשות", דינען השי"ת מיט א פרישקייט, אבער דערצו פאדערט זיך משים עצמו כמדבר, די מדה פון ענווה, וואס די ביידע זענען א תנאי צו קבלת התורה מדי שנה בשנה: בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, עס זאל נישט זיין מצות אנשים מלומדה, נעכטן געטאן אייער-נעכטן געטאן, נאר יעדן טאג דארף עס זיין מיט א התחדשות ווי 'יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב', לויט ווי דער **ט"ז** (או"ח מז, ה) פרעגט פארוואס זאגט מען יעדן טאג 'נותן התורה' וואס איז א לשון הווה, התורה' אז דער אויבערשטער גיבט אונז יעצט די תורה, און מען זאגט נישט 'נתן' א לשון עבר, וויבאלד דער אויבערשטער האט אונז שוין געגעבן די תוה"ק ביים מעמד הנבחר? איז דער טו"ז מבאר, אז דער כוונה פונעם לשון הווה 'נותן התורה' איז, וויבאלד דער אויבערשטער געבט אונז טאקע יעדן טאג כסדר זיין תורה, דורך דעם וואס מיר זענען עוסק אין תורה יעדן טאג מיט א פרישקייט, העלפט אונז השי"ת אז מיר זאלן טרעפען פרישע געדאנקען, מיט א פרישע חיות, ממילא לויט דעם איז יעדן טאג א פרישע נתינת התורה.

### עד כמה שהאדם עובד את ה' בתחדשות כך הוא מתעורר אצלו

קומט אויס, אז די כסדר'דיגע התחדשות קומט בס"ד צום מענטש לויט וויפיל ער לערנט יעדן טאג מיט א פרישקייט, וואס אזויפיל סייעתא דשמיא באקומט ער אין לימוד התורה און אין התחדשות. ווי עס שטייט אין **נועם אלימלך** (פר' תזריע) אויפ'ן פסוק 'יום ליום יביע אומר', אז די מענטשן וואס גייען ארום צעבוזשעוועט אָן טראכטן, און גייען נאך אלע נארישע שטותים, איז ביי זיי נישטא קיין חילוק צווישן די טעג, און פונקט ווי ער האט זיך געפירט נעכטן, אזוי איז ביים אים היינט, און אזוי איז ביי אים מארגן, און ער ווערט גארנישט קלוגער און מער שכל'דיג; אבער די צדיקים וואס דינען השי"ת און גייען אין זיינע וועגן, אין די תורה, זיי ווערן יעדן טאג קלוגער, און זייערע מחשבות אין עבודת השם ווערן טיפער און טיפער, און יעדן טאג פארשטייט ער פרישע זאכן וואס ער האט נעכטן נישט פארשטאנען, און יעדן טאג רעדט ער מיט מער חכמה אין עבודת השם, און אין די גרויסקייט פון השי"ת. דאס זאגט ער איז פשט יום ליום יביע אומר, יביע איז א לשון פון אבעבועות, אז א זאך באבלט אויפ'ן פייער, עס קאכט גאר שטארק און הייבט זיך אויף, דאס זעלבע דער צדיק **יום** א יעדן טאג וואס ער האט געלערנט תורה מיט א חיות און פרישקייט, מאכט דאס **ליום** פאר'ן נעקסטן טאג, אז **יביע אומר** עס זאל אויפקאכן און אנהייצן, אויפהייבן און אויפלעבן זיין לערנען און דאווענען פונעם קומענדיגן טאג, און מכח זיין חיות אין עבודה גייט ער יעדן טאג העכער און העכער מיט א התחדשות.

### עצה להתחדשות הוא לעבוד את ה' בקבלת האבות

אבער א מענטש איז דאך פארט נאר א מענטש, און א זאך וואס ווערט געטאן טאג-טעגליך ווערט דאס א רגילות און עס ווערט פארשלאפן; אויב אזוי, וואס איז די עצה אז מיר זאל קענען האבן א התחדשות בעבודת ה' און מעשי המצות טאג-טעגליך? שמועסט אויס דער **פנים יפות** (פ' ויחי) און ער ברענגט פון **ספר הכוזרי** (ה', כא) אז א מענטש קען נישט מכיר זיין בוראו און אים דינען בלויז מצד חכמתו וחקירתו, נאר די התחלת העבודה דארף זיין מיוסד און באפעסטיגט מצד קבלת האבות, און נאכדעם וואס ער איז באפעסטיגט פון די קבלת האבות, דעמאלטס קען ער צולייגן און פארברייטערן מצד חכמתו, אבער אָן קבלת האבות זאגט ער, איז עס אוממעגליך צו דינען השי"ת מצד חכמתו, אזוי ווי עס שטייט דע את אלקי אביך ועבדהו איז פשט **דע את אלקי אביך** פון אנהייב דארף דער מענטש זיך באפעסטיגען מיט זיין אמונה און תורה ומצוות מצד שהוא ית' איז אלקי אביך - קבלת האבות, און ערשט נאך דעם **ועבדהו** קענסטו פארברייטערן עבודות ה' מצד חכמתך, ווייל ווען עס איז דא די פעסטע יסודות פון מסורת האבות, די קבלה געבט כסדר צו א התחזקות מיט א פרישקייט אין עבודת ה'.

מיט דעם איז ער מפרש די משנה (אבות ג, ט) כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, 'יראת חטאו' איז די יראה פון א מענטש וואס איז מקובל פונעם קבלת ומסורת האבות, וואס עס איז איינגפלאנצט אין אים דורך די תורת אמך, אז דו חוט המשולש דו גאלדנעקייט בני אברהם יצחק ויעקב האבות הק', דער יראת חטא וואס א מענטש איז מקדים מצד קבלת ומסורת האבות, דעמאלטס 'חכמתו מתקיימת' קען ער אויף די פעסטע יסודות מוסיף זיין זיין אייגענע חכמה און עס וועט דעמאלטס ווערן ביי אים זיין עבודות ה' כמעיָן המתגבר מיט א פרישקייט מיט א התחזקות, וואס דאס וועט אים העלפן אז זיין עבודות ה' זאל נישט זיין כמצות אנשים מלומדה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט, ב) יום ליום יביע אומר, און אויך שטייט (איכה ג, כג) חדשים לבקרים רבה אמונתך, אז כדי עס זאל זיין יום ליום יביע אומר מיט חדשים לבקרים מיט א התחדשות, איז אמונתך דורך קבלת האבות ווערט א הולדה חדשה א התחדשות אין עבודות ה', וואס דאס ברענגט אריין א התחזקות מיט א התחדשות בעבודת השי"ת. מיט דעם איז ער מפרש דער פסוק (תהלים ב, ז) ה' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך, ווען א מענטש דינט השי"ת מצד קבלת האבות אין א בחינה פון **'ה' אמר אלי בני אתה'** דעמאלטס איז ער זוכה צום **'אני היום ילדתיך'** אז יעדער טאג ווערט נתוסף ביים א פרישע ההתחזקות בעבודת ה', ע"ש. קומט אויס אז צו צוקומען צו דער יסוד פון קבה"ת פון התחדשות אינעם אייגענע טאג-טעגלעכע עבודת ה', איז ווען מען באפעסטיגט אונזער ריינע אמונה במסורת אבות בבחי' נחלת יעקב.

## **ראשית היסוד להכנת קבה"ת הוא 'דע אלוקי אביך'**

דאס איז דער ערשטער יסוד פאר א הכנה לקבה"ת, דעם 'דע את אלקי אביך' אז מיר גרייטן זיך צום יו"ט פון מתן תורה, איז דער יסוד **דע** - דעת איז א לשון חיבור (כמ"ש וידע אדם את חוה) אז מיר דארפן מחבר זיין אונזער דעת ד.מ. פארשטאנד, צום **אלקי אביך**. און מיט די יסודות און מיט דער קלארקייט דעמאלט'ס **ועבדהו** וועלן מיר קענען דינען דעם אויבערשטן, אזוי ווי דער **הייליגער בעש"ט נבג"מ** זאגט, אע"פ שהוא **אלקינו** אבער דאס איז נאר ווען מען איז דאס מקשר צוזאמען מיט'ן **ואלקי אבותינו**, ווען מען בויעט אונזער אמונה אויף דער יסוד פון ואלקי אבותינו, בבחי' ואל תטוש תורת אמך. און ווען מיר גיין מיט דער מסורה, אע"פ אז מצד אחד איז עס אלקינו, עס פאדערט זיך פון אונז צו מגלה זיין כבוד שמים אין יעדע צייט, בכל דרכך דעהו, און אויסקלארן אונזער אמונה, אונזער קשר בין ישראל לאביהם שבשמים, אבער דאס קען נאר זיין בו בזמן ווען עס איז געבויט אויף די קלארע יסודות פון אלקי אבותינו.

מיט דעם דערהערט מען א נייעם געדאנק אינעם פשט פונעם **מאור עינים** וואס מיר האבן פריער דערמאנט אז דורך ענוה פון משים עצמו כמדבר שהכל דשין עליו, דאס ברענגט צו אז מיר קענען מקבל זיין די תוה"ק בהתחדשות, קען זיין פשט אזוי, ווען עס איז דא דער קלארקייט מיט די פעסטקייט פון דע את אלקי אביך - מיר גייען אויף די אויסגעטראטענע וועג וואס **הכל דשין עליו**, ד.מ. מסורת האבות, וואס דאס איז א יסוד אין ענוה זיך צו מבטל זיין צו די מסורה פון די פריערדיגע דורות, און נישט זיין קליגער פון אונזערע עלטערן במעשי המצות ועבודת ה', דעמאלטס ועבדהו און **בעיניך כחדשים** קען מען מקבל זיין די תוה"ק מיט א פרישקייט.

## **יסוד של יו"ט שבועות הוא התאחדות ברזא דאחד**

אז מען טראכט אריין אין דער יו"ט שבועות, וואס מיר זאגן זמן מתן תורתינו און חג השבועות הזה, זעהט מען אז אין די תוה"ק ווערט עס אינגאנצן נישט דערמאנט מיט דעם נאמען פון 'מתן תורה' וכדומה, דאס הייסט; יו"ט פסח האט דער סימבאל פון אכילת מצה, יו"ט סוכות האט דער סימבאל פון מצות סוכה און ד' מינים, ראש השנה האט דער סימבאל פון מצות שופר, און יום הקדוש האט דער סימבאל פון די ה' עינויים, אבער יו"ט שבועות האט עפעס נישט קיין שום סימבאל מצד עצמו אין די תוה"ק, עס ווערט אפילו נישט דערמאנט אלס א שייכות מיט עפעס א סימבאל, דארפן מיר פארשטיין דער הסבר דערפון; מיר אידן האבן דאך מיטגעלעבט דעם געוואלדיגן מעמד ומצב פון מתן תורה, וואס דער אויבערשטער האט אונז אויסגעוועלט להיות לו לעם, והבדילנו מן התועים ונתן לנו את תורתו, ואי לאו האי יומא פון מתן תורה, כמה יוסף איכא בשוקא וואלטן מיר געווען חלילה כבהמות נדמו, ככל גויי הארצות, און דוקא דער געוואלדיגע טאג איז אזוי שטיל עס האט נישט קיין קלארע סימבאל און מצות היום פונקט אזויווי אלע ימים טובים?

אז מען טראכט נאך אריין איז אויך א דבר פלא, יו"ט פסח זמן חירותנו מעבדות פרעה איז דער יו"ט זיבן טעג, און די הכנה צום מצוה פון שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם פאנגט זיך אן שוין שלושים יום קודם החג, און אזוי אויך חג הסוכות איז גאנצע זיבן טעג, און דעם טאג פון והייתם לי סגולה, איז סך הכל איין טאג, טאקע מיט די הכנה פון דריי טעג פאר'ן יו"ט צו זיך מקדש זיין און מטהר זיין, אדער פון ר"ח ווען עס פאנגט זיך אן בעצם, ביום הזה באו למדבר סיני, אבער פארוואס פונקט דער יו"ט איז בסך הכל איין טאג? וואס איז דער פשט אז חג מתן תורתינו איז אזוי קורץ און אזוי באהאלטן, און עס האט נישט קיין שום סימבאל אזויווי אלע אנדערע ימים טובים?

נאר דער הסבר דערפון איז, כידוע אורייתא וקוב"ה וישראל חד הוא, און ביי השי"ת שטייט (דברים ד', טו', כ') **וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם כִּי לֹא רְאִיתֶם כָּל תְּמוּנָה בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֲלֵיכֶם בְּחֹרֵב מִתּוֹךְ הָאֵשׁ: וְאֶתְכֶם לָקַח ה' וַיּוֹצִא אֶתְכֶם מִכּוּר הַבַּרְזֶל מִמִּצְרָיִם לִהְיוֹת לוֹ לְעַם נַחֲלָה כַּיּוֹם הַזֶּה**, השי"ת איז אין סוף, אחד יחיד ומיחוד, עס נישט דא צום אים קיין גלייכן, אדער חלילה צד שותפות, יעדער מין ציור וואס פאלט איין ביי דער מענטש, האט השי"ת נישט צו דעם קיין שום באגרייף, על כן קען מען נישט מגדיר זיין קיין שום סימבאל כלשהו ווייל "הבורא יתברך שמו הוא יחיד ואין יחידות כמוהו בשום פנים... הוא אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל (י"ג עיקרים של הרמב"ם) און אזוי אויך די תוה"ק איז יחידה אזוי ווי איר באשעפער, דערפאר האט עס נישט קיין צד השוה און נישט קיין שיתוף מיט להבדיל אלף אלפי הבדלות די חוקים און דת אומ"ה, און די תוה"ק ווערט אפילו נישט אנגערופען תורת ישראל, ווייל אויב עס איז אחידה און יחידה כהקב"ה איז נישט דא קיין הגדרה וואס קען מגדיר זיין דער מהות פון תוה"ק, דערפאר זאגן מיר ביי ברכת התורה ונתן לנו את **תורתו**, אשר נתן לנו **תורת אמת**. אט דאס לערנט אונז דער טיפקייט פון יו"ט שבועות וואס איז חג מתן תורתינו אן קיין שום סימבאל, ווייל דער ערשטער רעיון און יסוד וואס מיר דארפן ביי אונז פעסטשטעלן אז דער יו"ט דאס איז דער ראשית פון דער מטרת הבריאה, כמ"ש בראשית בשביל ישראל ובשביל התורה שנקראו ראשית, ראשית איז טייטש ערשטער, אבער נישט ווי ביי לשון בנ"א וואס עס מיינט אז עס איז דא א שורה פון מענטשען און איך בין דער ערשטער, און נאכדעם זענען קענען צוקומען נאך, חס ושלום!, נאר דא ביי אונז אורייתא וישראל וקב"ה חד הוא, מיינט ראשית א זאך פאר זיך אן קיין שום פארגלייך, ווי מיר זאגן (ביוצרות לשבועות) קדמון לכל דבר אשר נברא, ראשון ואין ראשית לראשיתו, און אזוי ווי מיר זאגען יעדן טאג ביי 'אדון עולם' והוא אחד ואין שני להמשיל לו.. בלי ראשית בלי תכלית... און אזוי ווי דער **מאור עינים** (פ' במדבר) שמועסט עס אויס: " די אידן זענען אחד אזוי קודשא בריך הוא וואס איז דער אחד האמיתי, ווייל עס איז דא אן אחד וואס גייט אריבער, דאס הייסט דער איינס פון ציילן, וואס עס איז דא נאכדעם צוויי און דריי, אבער השי"ת איז דער אחד האמיתי, אן איינס פאר זיך, ווייל עס איז דא נישטא קיין שום פארגלייך צו אים" (עכדה"ק), און דאס איז די גאנצע יסוד מטרת הבריאה אז מיר זאל צוריק מאחד זיין בפועל דער חוט המשולש פון אורייתא וקוב"ה וישראל. און דייקא דא בעולם העשיה וואו עס זעט אויס ווי א דבר נפרד, עולם הטבע, פאדערט פון אונז אז מיר עבדי ה' דארפן צוריק מאחד זיין די גאנצע בריאה אז עס זאל צוריק ווערן א בחי' פון התאחדות ברזא דאחד, א עולם פון 'מלכות שדי' דורך לימוד התורה און מעשה המצות, ללמוד וללמד ולשמור ולעשות, וואס דערמיט ווערט די גאנצע בריאה צוריק מתייחד מיט די תורה הק'.

## **תורת ה' תמימה טהורה וקדושה אמת** (רמב"ם מס' סנהדרין פ"י מ"א)

די תוה"ק איז יחידה, עס איז מעשה אלקינו, עס איז נישט ווי אנדערע דעות וואס זענען א פרי און תוצאה פון דעות בני אדם וואס האבן קובע געווען וואס איז דת, וואס איז בדרך נימוסין, וואס זייערע אלע דתות האבן נישט קיין קיום און טוישן זיך כסדר, און ווערן כסדר צעטיילט, זה בונה וזה סותר; ווייל א דת און הנהגה וואס ווערט געמאכט דורך פארשטאנד פון מענטשן און פון מענטשליכע געפילן, קען דאך נישט קובע ומחייב זיין אז די גאנצע פאלק זאל זיך צושטעלן לויט יענעמס שכל און הרגשים. משא"כ בהבדל אלפי הבדלות, תורתינו הק' איז פון הקב"ה רם על כל גוים ה', וואס ער האט אונז מצווה געווען בתורת ה', און דער דור דעה אשר קבלו ביחד באימה וביראה ברתת ובזיע בגילוי שכינה, האבן אלע צוזאמען איבערגעגעבן די זעלבע תורה צום קומענדיגן דור, און אזוי איז די תורה וואס מיר האבן באקומען מן השמים בהתגלות וואס אלע האבן געזעהן דער מעמד הנשגב, אריבערגעקומען ביז אונזער דור פונקט אזוי ווי יום נתינת התורה, ואין אדם מנחיל שקר לבניו, און די תורה איז נצחי, אני מאמין שזאת התורה לא תהא מוחלפת, ווייל מיר האבן עס באקומען פונעם בורא ב"ה וואס איז נצחי, היה הוה ויהיה, און דאס איז דער הדרכה פון קבלת התורה זיך מדריך זיין צו מגלה זיין כבוד שמים, און זיך דערהייבן צו א נצחיות'דיגע לעבן.

לאמיר זיך מתבוננן זיין וואס מיינט 'דת', אידישקייט איז נישט קיין דת, אז אזויווי עס זענען דא כל מיני גלויבינגען איז אויך דא דת ישראל להבדיל אלף הבדלות, חס ושלום! מיר יודען זענען ורוממתנו מכל הלשונות, זייערע אלע דתות זענען געווארן אוועקגעשטעלט פון מענטשן וואס האבן עס אוועקגעשטעלט לויט זייערע פעולות, און לויט ווי זיי באשטעטיגן וואס איז וויכטיג פאר מענטשהייט און גלויבונג, און ער באפעסטיגט דעם רעיון כאלו דער בורא האט דאס מכוון געווען צו אים, און דאס וואס איז אים איינגעפאלען צווינגט ער אויפ'ן מענטשהייט ווי דאס איז דער ריכטיגע גלויבן. אבער מיר עם ישראל זענען מיר אלע געשטאנען ביי הר סיני און הקב"ה בכבודו ובעצמו האט זיך מגלה געווען פאר אלע אנזערע עלטערן מחוטב עציך ועד שואב מימך און מודיע געווען אנכי ה' אלקיך... ולא יהי' לך אלהים אחרים, **ויאמר ה'**

**אל משה כה תאמר אל בני ישראל** אז ער זאל אונז אנזאגן, **אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם** מיר האבן אלע מיטגעלעבט בעיני בשר דער מעמד הנבחר 'כי מן השמים דברתי עמכם' וועגן דעם בין איך ענק מצוֶה **לא תעשון אתי אלהי כסף, ואלהי זהב לא תעשו לכם**.

עס איז נישט ח"ו ווייל איינער האט זיך פארגעשטעלט אז ער האט דערהאלטען א נביאות מן השמים, נאר מיר האבן דאס אינאיינעם קלאר באקומען און מיר האבן אלע געזעהן בעיני בשר דעם אנכי ה' אלקיך, אז די תוה"ק איז מים חיים, אש דת, יין ישמח לבב אנוש, כפטיש יפוצץ סלע, תורה איז עץ חיים למחזיקים בה, די תוה"ק איז נישט קיין אמצעי, על מנת לקנטר, על מנת שיכבדוהו, אפילו נישט על מנת שיהי' לו עוה"ב, נאר דער די תוה"ק איז א מטרה, צו לערנען לשם דביקות צום אור ה' וואס איז באהאלטן אין די אותיות, כדי ממלא זיין ארום זיך און דער גאנצע וועלט די הייליגע אור וואס איז אין תורת ה', און דאס איז רצונו יתברך שמו, אז דער וועלט זאל נתמלא ווערן מיט אור תורתו, ויאמר אלקים יהי אור, אור פון תורה ה', אור פון קדושה, אור פון צדק ויושר, און ווען א יוד פירט זיך ע"פ תורה ומצות ה' ווערט נתקדש שם שמים – און חלילה פארקערט, אויב ער פירט זיך נישט אויף כדת וכדין ע"פ תורה ומצות חלילה, ווערט פון דעם ויהי אור א עולם פון חושך, און עס ווערט נתחלל שמו יתברך ה"י, ע"כ איז דער פליכט אויף דער מענטש בכל מעשיו צו מגלה זיין און מפרסם זיין כבוד ה', אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק פארוואס האט השי"ת באשאפן די וועלט 'בגין לאשתמודעא ליה', כדי מיר זאלן ארויסברענגען אין די וועלט וואס זעט אויס ווי א טביעות'דיגע וועלט, א הסתר, וואו די כופרים און פורקי עול טענה'ן אז דער וועלט איז א קדמון, אז אין מנהיג לבירה ח"ו, דארט דוקא, ליגט אויף אונז דער פליכט צו ווייזן אז עס איז דא א מנהיג לבירה, דורך דעם וואס מיר טאן זיינע מצוות, דייקא אין די וועלט וואס איז מצד אחד אוועקגעשטעלט מיט גשמיות, און ליידער ארומגענומען מיט פריקת עול, מיט געמיינקייט, און וועגן דעם דארף מען מתפלל זיין בשלומה של מלכות, ווייל שאלמלא מוראה, איש את רעהו חיים בלעו.

אבער מיר אידן עם הנבחר **הוי מתפלל בשלומה של מלכות** מלכו של עולם (כמ"ש בספה"ק עבודת ישראל פר' בחוקותי, עיי"ש), אז עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים, אז אין דער וועלט זאל נתגלה ווערן דער יהי כבוד ה' לעולם, ווייל אויב חלילה מיר פירן זיך נישט אויף כדבעי, **שאלמלא מוראה** אז עס איז נישט דא דער יראת שמים ויראת חטא, אם אין יראת אלקים במקום הזה, חלילה דאס ברענגט צו חלול ה' **איש את רעהו** רומז להקב"ה עדה"כ רעך ורע אביך, אז דאס מטרת פון **חיים** דארף דאך זיין חיים שיש בהם תורה ויר"ש, אבער חלילה אז עס איז נישט דא דער שלום של מלכות שמים, אז מען פירט זיך נישט אויף כדבעי דאס חלילה **בלעו** שלינגט מען איין די גאנצע מטרת הבריאה, וועגן דעם האט דער אויבערשטער אונז אוועק געשטעלט א לעבן פון מעשי המצות עשה ול"ת, דורך דעם וואס אונז זענען מקבל עול מלכותו יתברך און מיר טאן די רמ"ח מצוות עשה און מיר זענען זיך פורש פון שס"ה ל"ת, דאס ברענגט ארויס די ריכטיגע כבוד שמים אויף דער וועלט **י**שמחו **ה**שמים **ו**תגל **ה**ארץ ר"ת שם הוי' ב"ה און עס ווערט נתמלא ווערען חסדים ורחמים אויף אידישע קינדער.

## שמעתא אליבא דהלכתא הוא החידוש הכי גדול

די תורה איז כביכול א חלק מדעתו ועצמותו ית'. די בעלי מוסר זאגן אז עס איז דא דריי מיני חדושים אויף דער וועלט, עס איז דא א חידוש וואס עס איז קיינמאל נישט געהערט געווארן מימות יהושע בן נון, עס איז דא א חידוש וואס **איך** האב מחדש געווען, ד.מ. אז עס איז במקור שוין געווען דא, נאר ער האט עס מחדש געווען, און עס איז דא א דריטער מין חידוש אז ביז יעצט האט דער מענטש נישט פארשטאנען אבער יעצט ב"ה האב איך עס פארשטאנען, דאס מיינט דער מין חידוש אז א מענטש פארשטייט עפעס לאמיתו של דבר, וואס ער האט עס ביז יעצט נישט פארשטאנען, אט דאס איז דער גרעסטער חידוש פון אלע חדושים. כאטשיג יעדער מענטש האט אן אנדערע הבנה, אבער דאס איז די שיינקייט פון כלל ישראל אז יעדע הבנה וואס איז לשם ה' לחדש און לגלות כבוד ה' דאס איז דער גרעסטער חידוש, אז דער מענטש זאל קענען גוט אפלערנען דעם זאך כדבעי און עס זאל זיין אויסגעהאלטן אמת ויציב, דאס איז דער גרעסטער חידוש. אע"פ מצד עצמו איז דער פשט פשוט, נאר טאקע צו דערהערן כפשוטו, און גוט אפלערנען לאמיתה של תורה דאס איז דער שטארקסטער חידוש, און יעדע אזא חידוש איז גאר חשוב, און אזוי אויך מצד עצם אין הל' דעות איז דא א כלל כשם שפרצופיהן שונות זה מזה כך דעותיהן שונות, יעדער איז בארעכטיגט מיט זיין דעה ווילאנג עס איז רוח חכמים נוחה הימנו; אבער ווייל א מענטש איז א בעל גבול ער קען זיך נארן, דערפאר דער כלל צו וויסען אויב רוח המקום נוחה הימנו איז דורך דעם וואס רוח הבריות נוחה הימנו.

דאס איז לגבי דער מיינונג מצד עצמו, אבער כדי צו קובע זיין א הלכה אין די תורה, איז דא מצוה אחרי רבים להטות, און דאס איז אויך דערפאר, ווייל יעדע דעה און הבנה פון א איד איז אמת לאמיתו, ישרא"ל נוט' יש ששים אותיות לתורה, ממילא אז יעדער יוד האט א חלק בתורה, ותן חלקינו עמהם, און ווען רוב דעות זענען קובע א הלכה דעמאלטס ווערט נקבע די הלכה ווייל הלכה איז מעשה המצוה, און דאס איז אחד פון אורייתא וקב"ה, מצוות זענען נישט קיין דעות, נאר זיי זענען מעצמותו יתברך, און דער סייעתא דשמיא ווערט נתגלה באופן אחרי רבים להטות, ווייל אזוי האט הקב"ה קובע געווען.

## תורה שבעל פה שהיא פירוש מה שבכתב, שהכל היה למשה מסיני (אלשיך הק')

מיר עם ישראל זענען העם הנבחר, אומה יחידית, חטיבה אחת בעולם, דער יחידית איז נתגלה געווארן דייקא ביי מתן תורה ויחן שם ישראל כאיש אחד ובלב אחד, דער יום טוב איז דער טאג וואס איז נתגלה געווארן סוף מעשה במחשבה תחלה, אז די ראשית בשביל ישראל ובשביל התורה שנקרא ראשית, וואס דער גאנצע קיום פון דער וועלט איז דורך וואס אידן פירען זיך שטענדיג ע"פ תורה, כמ"ש (ירמיה לג, כה) כה אמר ה' אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי, און רש"י זאגט דארט בשביל התורה נבראו שמים וארץ, קומט אויס אז דער סימבאל פון אלע אנדערע ימים טובים איז נאר בזכות האי יומא פון מתן תורה, אויב נישט פון דער טאג אשר נתן לנו את תורתו, וואלט מען נישט געהאט די אלע אנדערע מצות און ימים טובים, און אויב אזוי וואלט דער טאג געדארפט דערמאנט ווערן בתורה שבכתב, אבער עס איז סך הכל נתגלה געווארן בתושבע"פ (מס' שבת ומס' ע"ז) און דייקא בו בזמן שקבלנו תורה שבכתב, איז געווען דער כפה עליהם הר כגיגית, אם אתם מקבלים התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם, זאגט דער **מדרש תנחומא** (פ' נח) אז כפה עליהם איז געווען אויף תושבע"פ, און דער נעשה ונשמע איז געווען אויף תושב"כ, לויט דעם ווערט גוט פארענטפערט, עס קען זיין אז דוקא צוליב דער חיבור פון תושב"כ ותושבע"פ וואס דאס איז דער שלימות התורה, און אויב נישט הייסט עס א חצי תורה (בסה"ק דגל מחנה אפרים - פר' שמיני), דערפאר איז דער גאנצע יו"ט פון זמן מתן תורתנו אנטפלעקט געווארן פאר אונז בלויז אין תושבע"פ, און דער תושב"כ האט עס פארשוויגען, ווייל זי האט מוותר געווען עס צו פארציילן אדער אפילו מרמז זיין, ווייל דאס ווייזט אויף די חשיבות פון תורה שבעל פה, אז דער תורה שבכתב איז מודיע אז זי איז זיך כולל בתורה שבעל פה, חכמים ותלמידיהם, און אן דעם האט זי נישט קיין קיום, און ווען מען גלייבט נישט אין תושבע"פ האט מען נישט קיין קשר צום תושב"כ אויך נישט, ווייל הא בהא תליא, קיום פון תורה שבע"פ איז דער קיום פון תורה שבכתב, און דאס שטעלט אוועק די תורה שבכתב אויב ער איז זיך מייחד צוזאמען מיט די תורה שבעל פה, צלוב דעם האט ער נישט דערמאנט מתן תורה אינעם טאג שבועות אפי' ברמז, ווייל ער האט געוואלט זיך צוזאמהאלטען מיט'ן תושבע"פ כדי מיר זאלן נישט צוטיילן די ביידע תורות, נאר וויסן אז אלע דעות אין תורה, און אלע חידושים אין תורה בכל הדורות, קען נאר זיין ריכטיג ווען עס איז אייניג מיט דעת השי"ת הבלתי מושגת, און איז נישט אפהענגיג אין דעות בני אדם, און מען קוקט עס נישט אן ח"ו ווי א דת וואס איז געוואנדן במחשבת בני אדם שונים, נאר אלעס שטימט מיט'ן אור וחיות הקב"ה וואס איז אחד מיט די תורה וישראל.

לויט דעם איז שוין פארשטענדליך פארוואס פונקט דער יו"ט איז סך הכל איין טאג, ווייל אין דער טאג איז נתגלה געווארן מטרת הבריאה, עס איז נישט א צייט צו פארקריכן מיט סעודה'לעך, און פארגעסען מטרת היום, נאר דייקא אין דעם טאג דארף מען דערהערן דער יסוד קדושת היהודי ותורת השם, און גלייך זיך אונטערנעמען עול מלכות שמים, ללמוד וללמד ולשמור ולעשות את כל דברי התורה, דאס איז נשמת חיינו, און דאס איז ממילא אונזער גאנצע עקזיסטינץ און אונזער פלאץ זיך מדבק צו זיין אין יעדער צייט, ממילא קען מען נישט מגביל זיין א זמן אין יום נתינת התורה, ווייל דאס איז בכל עת ובכל שעה.

**והיא שעמדה לאבותינו ולנו וגו' והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם**

מיר לעבען אין די דור פון די סימנים אויף עקבתא דמשיחא חוצפא יסגי וכו', אבער טעכנאלאגיע איז קלאר היינט צו טאג דער גזירת ונסיונות השמד, כל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, אבער **והקב"ה מצילנו מידם** דאס איז זיכער, און מיר ווייסן אז אלע דורות זענען געווען נסיונות ביהדות, שמירת שבת, השכלה, שמד, ה'טיילונג' באונגארן, יעדער מדינה מיט אירע נסיונות, און עס איז געפאלן ליידער אין אלע דורות גאר אסאך קרבנות פון אט די גזירות, ממש פאר די מלחמה תרע"ט-פ איז געווען א שרעקליכע תקופה אין פולין א שטורעם פון השכלה, די באלשעוויקן ימ"ש, חסידיש'ע יודען בני עלי' האבן פשוט פארלוירן זייערע קינדער, אפיקורסים גמורים ה' ירחם, זענען זיי געקומען מיט א געוויין צום **אמרי אמת מגור זצוק"ל** רבי מיין קינד איז קאליע געווארן, האט ער זיי געזאגט: ענק זענען נישט שולדיג, הגם עס איז דא דער כלל דער עפל פאלט נישט ווייט פון בוים, דאס איז אלץ ביי א רוח מצויה, אבער ליידער היינט איז א רוח שאינה מצויה גייט נישט אן דער כלל, און דעמאלטס האט ער מייסד געווען חדרים על טהרת הקודש און ער האט אויפגעפאסט אויף די צעירי הצאן. און 80% פון די קינדער זענען געבליבען נאמנים לה' ולתורתו א טייל נעבעך אנגעקומען על קדוש ה', און א טייל די שארית הפליטה.

בכל הדורות האט מען נישט געהרט נאך מתן תורה א כינוס כלל ישראל, נאר מען האט איש על מחנהו ואיש על דגלו איינגעפלאנצט קדושת ההיהודי בקרב מחנינו. אבער בימינו נאכן שרעקליכע מלחמה ווען עס זענען אומגעקומען זעקס מיליאן קדושים וטהורים הי"ד, ווען עס זענען חרוב געווארן די גרעסטע מדינות וואס דארט זענען געווען אלע גדולי וחכמי ישראל פוילן, רוסיא, אונגארן פון אויבער לאנד ביז אינטער לאנד, און עס איז צוריק געווארן ממש תוהו ובהו. אבער דאן האט זיך כלל ישראל צוריק אויפגעבויעט במס"נ דורך די מנהיגי ישראל און די שארית הפליטה שלא כדרך הטבע, השי"ת האט ברוב רחמיו וחסדיו אויפגעבויעט א דור חדש פון די שארית הפליטה אחד בעיר ושנים במשפחה און צוזאמגענומען אלע י"ב שבטי קה און צוזאמגעמישט אין איין גאס, שטאט, מדינה; און דורך די יארן תש"ך ביז תש"ן בערך האט זיך אוועקגעשטעלט דער דור חדש דער ערשטער דור פון כלל ישראל נאך די שרעקליכע מלחמה.

בו בזמן, וואס מצד אחד איז נישט דא א אזויפיל תורה וספרי קודש מימות האבות הק', עס וואקסן אויף בכל קהלות הקדושות יראים ושלמים באמת, קיין קהלה האט זיך נישט וואס צו שעמען, און מצד שני איז דער וועלט אזא אפענע וועלט, מען ווייסט אלס מען הערט אלס, פון איין עק וועלט צום צוזייטען הערט זיך אין סעקונדעס, נעבעך א דור פון אזויפיל פרי הנושר, דור השחתה ועזות; אבער וואר רעדט נאר פון זיי, דער רוב בנין וקנין של כלל ישראל לב הצעירים זענען רוי, אזוי ווי א גולם — דער אפטייטש פון גולם איז מפרש דער רמב"ם (אבות פ"ה מ"ז) א גולם מיינט **הוא איש שיש לו מעלות שכליות ומעלות המדות, אמנם אינם שלמות ולא הולכות על סדר כראוי, אבל יש בהם ערבוביא ובלבולים, והתערב בהם חסרון, ומפני זה נקרא גולם.** ממש כלשונו אז דער דור הצעיר האט טאקע מעלות שכליות ומעלות המדות, אבער עס איז נישט מסודר - מען ווייסט אלס אבער מען ווייסט בעצם גארנישט, יא דאס איז ליידער אונזער דור מיט גזירת השמד אין טעכנאלאגיע, דער וועלט ווערט ליידער אזוי פארגעשריטן, ה' ירחם, היינט אסר'ט מען דאס און צומארגענ'ס איז שוין דא ערגערס, מען קען נעבעך יעדען טאג אסר'ן, הלוואי;.

**מאויבי תחכמני מצותיך כי לעולם היא לי** (תהלים קיט, צח)

לאמיר אריינטראכטן: פארוואס האב מיר נישט דער כלי הלוחם קעגן דער שרעקליכע גזירת השמד, פארוואס קען מען זיך נישט פורש זיין מהכיעור והדומה לו, נישט אנדערש ווי אונזערע זיידעס בכל הדורות? אפשר בו בזמן וואס מען מאכט כינוסים צו טרעפן עצות לאיסור, וואס מצד אחד דארף מען טאקע כסדר רעדען און מעורר זיין לעמוד בנסיון, כאטשיג עס איז נאר א יעצטיגע לייזונג וויל מארגנדיגע טאג וועט שוין זיין עפעס ערגערס ה' ירחם, אבער מצד שני דארף מען זיכען עצות ישרות זיך צוזאמזעצען די עיני העדה און אוועק שטעלען א הדרכה ווי אזוי אויפצובויען די עזות דקדושה אין נפשות ישראל, אריין ברענגען קלארקייט אין אידישקייט! נישט רעדן נאר פון די מחלה נאר פונעם שורש המחלה, אז דער מענטשהייט וועט זיין געזונט מיט קלארע יסודות - **מאויבי תחכמני א אפענע וועלט** **דארף זיין קעגען דעם א קלארע שפראך און לימוד - וואס דער מחלת ופגעי הזמן וועט זיך נישט צוכאפן, און מען וועט משקיע צוזאמען בתשועה ברוב יועץ אויף א הדרכה אין סדרי הישיבה ות"ת, הן מוסיף זיין מער הלכה, מער ידיעת התורה, מער שיעורים אין יהדות בחומש רש"י ומפרשים, מער שיעורים במוסר ודרך ארץ, וועט אודאי זיין אזיווי עס שטייט וברכתיך בכל אשר תעשה און דעמאלטס וועט זיין סייעתא דשמיא** און ה' ירחם אז מען וועט זוכה זיין צו קענען מחנך זיין דורות ישרים מבורכים, נאמנים לה' ולתורתו.

טאקע אמאל האט דאס יעדע קינד באקומען נאטורליך פונדערהיים, אבער ליידער היינט זענען מיר אזוי פאר גוי'אישט, דער גוי'שער חינוך קומט אריין גע'טובל'ט במים טהורים, אבער א שרץ בלייבט שרץ כאטשיג מען האט עס מטהר געווען בק"ן טעמים, דאס רופט מען ליידער תורה ומסורת ישראל - אריינברענגען גוי'אישקייט בחינוך ישראל; לאמיר קלערן, וואלטן מיר זיך משדך געווען מיט די מגידים? וואלט מען געגעסן זייערע כשרות וכדו'? און דא הערט מען הדרכת אין חינוך הן אז עס מיוסד פון גוי'אישע מהלכים און הן זייער חינוך איז נישט אונזער חינוך - יא **עניני רפואה** טעראפ"י דאס איז נישט א נפק"מ אדרבה מען נעמט דער רופא מומחה וואס האט דער סייעתא דשמיא און דער מלאך רפאל שטייט צום רעכטע האנט, בפרט בימינו אז עס איז דא ליידער אזוי פיל נפשיות'דיגע פראבלעמען, מיט אלע מיני שמות הנרדפים, וואס במקום שיש רשות לרופא לרפאות אין הכי נמי האט מען רשות - אבער **חינוך**?! וואס האבן מיר מיט זיי?! **חינוך איז נישט קיין חכמה בגוים תאמין! נאר עס איז א תורה שלימה, און אויף דעם שטייט תורה בגוים אל תאמין, אונזערע שוואכסטע מוסדות געבן נאך ארויס שענער ווי זייערע שענסטע מוסדות, אנשטאט דעם זאל מען צוזאמנעמען אפאר היימישע קהלות וואס קענען זיצן צוזאמען ביי איין טיש און נאר טראכטן פון כבוד שמים און נישט פון כבוד עצמי, וואלט שוין געווען סייעתא דשמיא צו קענען אוועק שטעלען א הדרכה, א לימוד, פאר קליין ביז גרוס און טרעפן עצות וויאזוי אריין צו ברענגען מתיקות התורה אין ילדי ישראל, און אפשטעלען דער באן ווי דער 'סיסטעם' פארט, דור הולך ודור באה, ה' יעזור על דבר כבוד שמו.**

דאס לימוד און התבוננות בקדושת היהודי וועט זיין די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה, ונתרפאו כל החולים, און דער אויבערשטער זאל העלפען אז מען זאל זוכה זיין מקבל זיין די תוה"ק מיט אלע השפעות טובות, בעצרת כו"ע מודה דבעינן לכם, אז אם אין קמח אין תורה, אלע אידן זאל האבן פרנסה בהרחבה נחת געזונט בברכת כל מילי דמיטב, בבני חיי ומזוני רויחי בטוב עין בשפע רב בכל העולמות, ונזכה לגאולת עולם אמן.

מיט דעם פארשטייט מען שוין דער רעיון מיט וואס מיר האבן אנגעפאנגען בשם **מאור עינים** אז אין הכי נמי מיר האבן טאקע דעמאלטס מקבל געווען די תוה"ק, אבער עס שטייט בכל יום יהיו בעיניך חדשים כיום שניתנה, און די קבלה, די התחדשות דארפן מיר מקבל זיין יעדער יו"ט שבועות, און דער עיקר פון קבלת התורה איז געווען פסקה זוהמתן און עס איז געווארן א אור, און דעם אור דארפן מיר מקבל זיין יעדעס יאר פון דאסניי, דער אור פון התאחדות ברזא דאחד, הן דער חוט המשולש אורייתא וישראל וקב"ה, הן דער נתינת התורה שבכתב וואס האט זיך כולל געווען מיטן תורה שבע"פ, דאס התחדשות ווערט יעדעס יאר צרוך נתעורר, און דער התבוננות פארלאנגט אויף אונז יעדעס יאר צו דערהערן און זיך צוריק באפעסטיגען, אונז און אונזערע קינדער לויט'ן דעת התורה און אירע כלי מלחמה קעגן נסיונות היצר, און מייחד זיין און ארויסברענגען כבוד ה' בכל מעשיו.

-ב-

**דרך ארץ ותיקון המדות כהכנה ליום קבה"ת**

אז מיר האלטן שוין דא ב"ה אז מיר האבן דערהערט די קדושת ומטרת יום קבה"ת, איז כדאי צו מעורר זיין נאך א נקודה, מיר ווייסן אז דרך ארץ קדמה לתורה, אז מדות טובות איז די הקדמה און שער צו קבלת התורה, צוליב דעם לערנט מען פרקי אבות, פרקי מדות ודרך ארץ, דאס קען זיין פשט וואס מיר זאגן שבע שבתות **תמימות** תהיינה, בבחי' **התהלך לפני והיה תמים**, אז פאר קבה"ת און קדושת היהודי דארף זיין פון פריער בבחי' תמים, איז מפרש דער **חזקוני** - שלא תהיה בה מחוסר אבר; בדרך

רמז, אב"ר איז נוט' **במדת אהבת רעים**, די תוה"ק זאגט **דבר אל אהרן לאמר איש מזרעך לדרתם אשר יהיה בו מום לא יקרב להקריב לחם אלקיו** מקען אפשר מרמז זיין א געדאנק אז דאס גייט ארויף אויף יום קבה"ת 'לחם אלקיו' וואס מען איז מקריב די שתי הלחם, זאגט די תוה"ק אָן **כי כל איש אשר בו מום לא יקרב, איש** וגו' **שרוע** – זאגט דארט רש"י **אבר גדול מחבירו** ע"ד רמז ער האלט זיך גרעסער פון זיין חבר, איז די תוה"ק מזהיר אז ער איז א בעל מום, און א בעל מום קען נישט מקריב זיין. בפרט במדת עין טובה אזוי ווי רש"י איז מפרש (ע"פ מס' בכורות מד) **חרום** - שחוטמו שקוע בין שתי העינים שכוחל שתי עיניו כאחת. **שרוע** - שאחד מאיבריו גדול מחבירו עינו אחת גדולה ועינו אחת קטנה או שוקו אחת ארוכה מחברתה. ער האט א שלעכט אויג ער פארגינט נישט קיין צווייטען, ער האלט זיך גרעסער פון זיין חבר, דער אלע מיני מענטשען מיט זייערע בגדי כהונה זענען ליידער א בעל מום וואס טאר נישט מקריב זיין, דער משנה זאגט ר' איד א צער עין איז מתלמידי בעלם הרשע.

כידוע די משנה אין אבות זאגט כל מיש שיש לו שלושה דברים הללו עין טובה ורוח נמוכה ונפש שפלה הוא מתלמידיו של אברהם אבינו, ושלושה דברים אחרים מתלמידיו של בלעם הרשע, פרעגט דארט דער **רבינו יונה** פארוואס איז דער משנה אזוי מאריך בהקדמה כל מי כו' וכל מי וכו' דער משנה וואלט געדארפט שרייבען ווער עס האט די דריי מדות עין טובה ורוח נמוכה וכו' מתלמידי אברהם אבינו ע"ה און פארקערט מתלמידי בלעם הרשע, ענפערט דער רבינו יונה אויב וואלט די משנה אזוי געשריבען אז ווער עס האט אט די דריי מדות עין טובה וכו' מתלמידיו של אברהם אבינו וואלט איך געקענט זאגען אז אברהם אבינו עליו השלום האט טאקע געהאט מדות טובות, די דריי מדות טובות מיט נאך אנדערע מדות טובות, און בלעם הרשע האט געהאט אט די דריי מדות רעות און נאך אנדערע שלעכטע מדות, דערפאר זאגט די משנה אן הקדמה צו לאזן וויסען אז אברהם אבינו ע"ה האט געהאט נאר די דריי מדות, ווייל די דריי מדות טובות זענען דער שרשים צו אלע אנדערע מדות טובות, און פארקערט בלעם הרשע איז לקוי געווען מיט די דריי מדות און דאס איז דער שורש צו אלע מדות הרעות.

## מדת טוב עין הוא הרפואה להמחלה היודע ה' ירחם

אוי! מדות העין טובה, מיט צופרייען מיט א צווייטען, פארגינען א צווייטען, בעוה"ר מחלוקות איז מרקד צווישען אונז, אבער מען דארף זיך מחזק זיין און זיך צוגרייטען למעמד 'ויחן שם ישראל כאיש אחד ובלב אחד', די ריכטיגע כינוס כלל ישראל, ע"כ דארף מען זיך מחזק זיין בג' דברים הללו וואס דאס איז דער שורש צו אלע מדות טובות וישרות, איז כדאי צו מעורר זיין דער ענין פון עין טובה, **בפרט בימינו אזוי פיל אידישע קינדער נעבעך מיטשען זיך מיט דו ביטערע מחלה ה' ירחם, פון גאר יונג ביז גאר עלטערע, ממש א שרעק א טומל, עס כאפט א ציטער ממש פון איין מינוט צום צווייטען, א מחלה וואס ביסודו האט נישט קיין שום הסבר עס גייט אריין אין א געזונטער מענטש, א געזונטע קינד, און עסט אים אויף לעבעדיגערהייט, אן קיין טעם, ממש א מחלה וואס פארגינט נישט דער געזונטער מענטש,** דער ענין האט **הגה"ק ה'פני מנחם מגור זצוק"ל** מעורר געווען בשעתו אז ביי יעדע מחלה אויב מען לערנט עס גוט אפ בשורשו זעהט מען דער גורם דערצו, און די ביטערע מחלה איז דאך ממש מתלמידי בלעם הרשע א צר עין, פארגינט נישט פשוט א געזונטע מענטש און קינד; ליידער מיר זענען לקוי דערין גאר שטארק, מען פארגינט נישט קיין צווייטען, אבער אז מיר וועלן אנקוקען א צווייטען בעין טובה, וועט דאס מבטל זיין דער צר עין פון יענע מחלה ר"ל, רוב דין ודברים בין אדם לחבירו איז בשלשה דברים הללו, פארוואס יענעם יא און איך נישט, גאר ווייניג זענען ריכטיגע חושן משפט שאלות, און ווען מען איז זוכה צו לעבען מיט עין טובה, דורך דעם וואס מען פארגינט א צווייטען יוד מיט א שמייכל, מיט א גוט ווארט, מען איז מקבל בסבר פנים יפות, מען גייט ארויס פון זיך פונעם אייגענעם כבודו מלא עולם.... נאר ווילן אז פאר זיין חבר זאל גיין גוט, ער זאל מצליח זיין, זאגט דער **פני מנחם** (נר ב' דחנוכה) מדת עין טובה איז אן עבודה וואס איז שייך פאר יעדעם איינעם, מ'דארף פארגינען א צווייטען במדת טוב-עין הן בגשמיות והן ברוחניות, דאס איז נכלל במצות ואהבת לרעך כמוך וואס איז א כלל גדול בתורה, די משנה זאגט (אבות פ"ה מ' יג) הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים, עינו רעה בשל אחרים. על כן דארף יעדער אנערקענען אז יעדער איינער האט א מעלה טובה, און א מדה טובה וואס איז נישטא ביי א צווייטען, און ווען מען פארגינט א צווייטען מיט זיינע מעלות ווערט א יחוד, צוזאמגעשטעלט אלע מעלות פון כלל ישראל, און דאס איז דער טעם אז ווען מען טוט א מצוה זאגט מען בשם כל ישראל צו מיטנעמען א צווייטען, און דאס איז די הכנה צו קבלת התורה עין טובה און שלום, וכל נתיבותיה שלום.

**תלמידי היקרים בכל אתר ואתר !** יעצט כהכנה לקבה"ת איז די ריכטיגע שעת הכושר לעורר ולעודד, און זיך צו מחזק זיין במדת אהבת חברים מען זאל חלילה נישט זיין קיין בעל מום וואס קען נישט מקריב זיין דער שתי הלחם, יש לרמז, ב"פ לחם בגימ' קנ"ו, ע"פ הפסוק **כנשר יעיר קנו** זאגט דארט רש"י "נהגם ברחמים ובחמלה, [כנשר הזה רחמני על בניו, ואינו נכנס לקנו פתאום, עד שהוא מקשקש ומטרף על בניו בכנפיו, בין אילן לאילן בין שוכה לחברתה, כדי שיעורו בניו, ויהא בהן כח לקבלו: על גוזליו ירחף - אינו מכביד עצמו עליהם, אלא מחופף, נוגע ואינו נוגע, אף הקב"ה שדי לא מצאנוהו שגיא כח, כשבא ליתן תורה לא נגלה עליהם מרוח אחת אלא מד' רוחות (וכו'): יפרוש כנפיו יקחהו - כשבא ליטלן ממקום למקום, אינו נוטלן ברגליו כשאר עופות, לפי ששאר עופות יראים מן הנשר שהוא מגביה לעוף ופורח עליהם, לפיכך נושאן ברגליו מפני הנשר, אבל הנשר אינו ירא אלא מן החץ, לפיכך נושאן על כנפיו, אומר מוטב שיכנס החץ בי ולא יכנס בבני, אף הקב"ה ואשא אתכם על כנפי נשרים, כשנסעו מצרים אחריהם והשיגום על הים היו זורקים בהם חצים ואבני בליסטראות, מיד ויסע מלאך האלהים וגו' ויבא בין מחנה מצרים וגו'] - איז דאך דא די מצוה **ולדבקה בו**, מה הוא רחום אף אתה רחום, שבועות ביי קבה"ת האט מען געברענגט שתי פעמים לחם וואס איז גימ' **קנ"ו** וואס איז מרמז אויף רחמים, נהגם ברחמים ובחמלה, דאס איז דער יסוד פון שלום און אהבת רעים, אויב מיר טראכטן אריין אין דעם, אז קרוב צו פינעף מיליאן מענטשען זענען געשטאנען צוזאמען און עס איז געווען דער איחוד פון אלע שבטי קה, באהבה ואחוה ושלום ורעות, איז דאך א נס, אבער אט דער נס וואס דער לופט איז געווען אזוי דערהויבן אזוי אנגעפילט מיט געטליכקייט, דאס איז ארויסגעקומען פון די הכנה מיט טהרה, פון יציאת מצרים ביז זיי זענען אנגעקומען למעמד ומצב פון ויחן ישראל נגד ההר, און דעמאלטס זענען מיר געווארן ראוי למתן תורה. קומט אויס אויב ווילן מיר זוכה זיין צו עפעס העכערס, איז דער ערשטער זאך דארף מען זיך מתבונן זיין אין אונזערע מעשים בין אדם לחבירו, אונזערע מדות טובות, ווייל ווי עס איז דא מער מדות מער וותרנות, דארט איז דא דער כלי קיבול לקבלת התורה.

## וכשאין בידך מידות טובות - אין בידך תורה ומצוות

**שמעו נא רבותי!** דער גרעסטער הכנה צו קבה"ת איז אהבת שלום, ליב האבן שלימות, הן בין אדם למקום והן בין אדם לחבירו, והן בין אדם לעצמו, דער וויכטיגסטע שלמות איז בין אדם לעצמו, ער זאל נישט זיין צוריסן און קאנפליגט מיט זיך אליינס, דאס דערקענט מען אין בין אדם לחבירו ובין אדם למקום, ווייל ווען א מענטש איז בשלמות מיט זיך אליינס, א געזונטע מענטש, דעמאלטס איז ער אהוב על הבריות און אהוב על המקום.

עבודת המדות, איז פון די שווערסטע עבודות, דאס ענין פון מדות טובות ונאות, אזוי שטייט אין **ספר ארחות צדיקים** (הקדמה) "וכשאין בידך מידות טובות - אין בידך תורה ומצוות, [כי כל התורה תלויה בתיקון המידות. כל המידות, טובות ורעות, החכם יכול לעשות הרעות לטובות, והכסיל יעשה מידות טובות לרעות. מי שהולך בחושך ואינו מתבונן בתיקון המידות, אפשר שתהא מידה המאבדת כל זכיותיו, כגון המתגאה במעשיו, ומתפאר, ומייפה עצמו תמיד בגנות של חבירו, ומתכבד בקלונו]. מיר לערנען דעם ספר אין תלמוד תורה אדער ישיבה, אבער אויב מיר ווערן עלטער און מיר חזר'ן עס נישט איבער מיט אונזער עלטערע שכל נאר מען געדענקט עס מיט די קינדערישע שכל, הייסט ער בעצם א עלטערע מענטש מיט דער שכל פון א כתה ט' יונגעל, מדות נעמט ארום דער יוד טאגטעגליך פון זיין לעבן, און זיין הליכה מיט'ן כתר שם טוב ווענד זיך בעצם אין זיין התנהגות בין אדם לחבירו, בתיקון המדות, נישט נאר ברוחניות, נאר אפילו בגשמיות צווישען מענטשען, איז תלוי אויף אינעם איכות פון זיין מדות, **ע"כ דארף א איד אוועקשטעלן דער עיקר פון זיין לעבען בענין טהרת המדות.** יעדער בר בי רב ווייסט דער מאמר פון הגה"ק רבי חיים וויטאל זצוק"ל אין זיין ספר **שערי קדושה** (ח"א שער ב') אז דער טעם פארוואס מדות איז נישט קיין חלק פון תרי"ג מצות, איז, ווייל מדות איז די עיקר הכנה צו תרי"ג מצות, אָן דעם איז מען קיין מענטש נישט, עס דארף זיין **זאת תורת - האדם**, דערפאר איינער וואס האט מדות רעות, איז עס קשים מעבירות עצמם, קומט אויס אז מען דארף נזהר זיין ממדות הרעות מער ווי קיום המצות, עכ"ל.

דער רמב"ם כידוע איז זיין גאנצע ספר דברי הלכה און פסקים, אין חלק מדע איז פונקט אזיווי זיין חלק זמנים אדער שופטים, שרייבט דער **רמב"ם** אויף דער ענין פון מדות (פ"ז מהל' תשובה ה"ג) אל תאמר שאין תשובה אלא מעבירות שיש בהן מעשה, כגון זנות וגזל וגניבה, אלא כשם שצריך אדם לשוב מאלו, **כך הוא צריך לחפש בדעות רעות שיש לו, ולשוב מן הכעס ומן האיבה ומן הקנאה ומן ההתול ומרדיפת הממון והכבוד** וגו', הכל צריך לחזור בתשובה, **ואלו העונות קשים מאותן שיש בהן מעשה, שבזמן שאדם נשקע באלו, קשה הוא לפרוש מהם, וכן הוא אומר יעזוב רשע וגו'** עכ"ל, דער **רבינו יונה זאגט** (אבות פ"ג) אם אין דרך ארץ אין תורה, שצריך תחלה לתקן א"ע במדות, ובזה תשכון התורה עליו, **שאינה שוכנת לעולם בגוף שאינו בעל מדות** עכ"ל. אזוי קען מען מאריך זיין און מלקט זיין מדברי הראשונים והאחרונים בגודל החיוב וחשיבות תיקון המדות...

בפרט בני תורה, בחורים, יונגעלייט, כלי קודש, וואס האבן שאיפות צו אמת'דיגע שלימות זיי הארעווען בתורה ועבודה, און ווילן זוכה זיין צום ריכטיגע כתרה של תורה, אז זיי זאלן ווערן אן אמת'דיגער איחוד מיט'ן תוה"ק, **איז חוץ וואס מען הארעוועט אויף הוויות דאביי ורבא, וואס די תוה"ק איז דאך מחכימת פתי, אבער כדי די תוה"ק זאל זיין א סמא דחיי, דארף מען הארעווען אויף תיקון המדות. דער שטח פון שיפור ותיקון המדות איז ליידער ביי גאר אסאך צורבי מרבנן גאר א פרעמדע שטח, זיי האבן נישט אויסגעאיידעלט זייערע כלים און עס איז נעבעך א כלי שבור, ליידער גאר אסאך יוגע און אויך עלטערע וואס קענען זיך ווארפן מיט א קצות א רעק"א, און קענען גאר שיין קאכן במלחמתה של תורה, אבער זיי ווייסען בכלל נישט ווי צו מגדיר זיין דער עיקר וואס איז מדות רעות**, און ווילאנג עס איז נישט דא קיין קלארקייט וואס מען וויל עוקר זיין וואס מען וויל פארכטן קומט מען טאקע קיינמאל נישט אן צו תיקון המדות.

## אדם המזיק אינו נכנס כלל בגדר אדם

מען מיינט אז לימוד פרקי אבות איז עפעס א קינדערישע זאך, אדער פשוט אנצו פילן דער צייט פונעם לאנגע שבת נאכמיטאג, אבער דא ליגט דער בראך, לעולם יהא אדם יר"ש - 'אדם ירא שמים' גייט בנשימה אחת, און אן אדם המזיק באיזה אופן שהוא איז קיין מענטש נישט, מען זאגט נאך אז דער **גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל** האט געפרעגט ווען ער האט פארגעלערנט די גמרא אין ב"ק 'למאן דאמר מבעה זה אדם', אויב אזוי פארוואס רעכנט נישט די משנה אויס: השור, הבור, האדם, וההבער?

נאר ס'איז מסתבר אז פאר'ן משנה איז גאר שווער אנגעקומען צו אנרופן אן 'אדם המזיק' מיט'ן טיטל אדם, אן אדם המזיק איז קיין מענטש נישט. דאס קען זיין פשט פונעם ארחות צדיקים 'וכשאין בידך מידות טובות - אין בידך תורה ומצוות', ווייל ווען עס איז נישט דא קיין מענטש עקזיסטירט נישט ביי אים ליידער קיין תורה ומצות.

יעדער איינער האט זיך זיינע שוואכקייטן, און יעדער ווייסט מרת נפשו וואס ער דארף מתקן זיין, און אויב זענען דא מענטשען וואס ליידן אויף זייטיגע נפשיות'דיגע פראבלעמען וואס דאס מאכט אסאך שווערער צו ארבטען אויף די מדות, דארף מען רעדן מיט א מחנך יר"ש וואס קען קלאר מבחין זיין וואס איז חולה מדות - וואס מען דארף אליינס ארבעטן, און וואס איז חולה נפש וואס איז ניתן רשות לרופא לרפאות, און דו וואס נעמען זיך די מגידות און לאכן אפ פונעם מושג 'חולה נפש' והתרופאות זענען שופך דם ועתידין ליטול את הדין, און פון זיי אליינס רעדט מען נישט ווייל אין מביאין ראי' מן השוטים וד"ל.

אבער אזוי ווי מיר רעדן פון חולה המדות, איז דא דער **שערי קדושה** וואס שמועסט אויס אלע מדות פון די ד' יסודות, עיי"ש; און יעדער איינער ווייסט זיינע שוואכקייטן און ווען ער לערנט דארט וועט עס אים צוהעלפן צו פארשטיין די עצות אויף זיין תיקון המדות. אבער מיין כוונה, אז וואס איז נוגע פאר יעדעם איינעם איז עבודת האמונה, ווען א מענטש באפעסטיגט די אמונה, מיט א קלארקייט, אז עס איז דא א בורא עולם א מנהיג לבריאה, אמונה בשכר ובעונש, ממילא בצל האמונה וועט דער מאמין האבן א סיוע ווי אזוי זיך צו קענען מתגבר זיין אויף זיינע מדות רעות, און חיזוק באמונה וועט דאס צו העלפן צו ממאס זיין ברע, און קענען זיך מדבק זיין בטוב.

## גאוה תולדה דכעס שבעוה"ר רבים נכשלים בזה

לאמיר אנפאנגען בס"ד במדת הגאוה (ע"פ השערי קדושה הנ"ל), וואס דאס איז ביסוד האש; לב יודע מרת נפשו, וויפיל מיר זענען לקוי במדת הגאוה, אבער מצד אחד גאוה איז א זאך וואס א מענטש קען דאס בעצם אביסל באהאלטן עס איז במחשבה, ער האלט זיך מער פון א צווייטן, עס קומט אים מער ווי א צווייטען, אבער ביי די תולדה פון גאוה, די תוצאה פון גאוה איז כעס, ביי דעם ווערט נתגלה די אמת'דיגקייט פונעם מענטש, און ליידער גאר ווארלע יודען זענען נכשל בכעס.

קומט אויס דער בעל גאוה איז ביסודו א רואיגע מענטש, ער איז נישט קיין כעסן, נאר ווען מען רוהט אן זיין נקודה פנימית, פלאצט אויס דער כעס מתולדת הגאוה וואס איז געווען באהאלטן, אויב א מענטש לעבט מיט דער ערשטער אני מאמין אין י"ג עיקרים פון דער רמב"ם 'אני מאמין באמונה שלמה. שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים. והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' קען ער דען זיך האלטן גרויס?, האט ער וואס זיך גרויס צו האלטן איבער זיין חבר? קומט אים מער ווי א צווייטען? אזוי עס שטייט אין **אגרת הרמב"ן** ..**עתה בני דע וראה כי המתגאה על הבריות הוא מורד במלכות שמים, כי הוא מתפאר בלבוש מלכות הש"ת שמו, שנאמר ה' מלך גאות לבש. ולמה יתגאה לב האדם, אם בעושר ה' מוריש ומעשיר. ואם בכבוד הלא לאלקים הוא, שנאמר והעושר והכבוד מלפניך, ואיך יתפאר בכבוד קונו. ואם מתפאר בחכמה, מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח, נמצא הכל שווה לפני המקום, כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים, לכן השפל עצמך וינשאך המקום, על כן אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד, כל דבריך יהיו בנחת, וראשך יהיה כפוף, ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה, ואל תביט בפני אדם בדברך אתו**, א מאמין הייסט נישט ווער עס ווייסט אז אזוי איז עס, ניין, נאר דער וואס לעבט בכל עת ורגע, מיט אט די אמונה, בבחי' צדיק באמונתו יחיה, און אזוי איז א מענטש בגדר מאמין, און ווען א מענטש באפעסטיגט כסדר זיין אמונה קומט ער נישט צו קיין גאוה וכעס, ער דערהערט אז זיין כבוד ומעמד קומט פון אויבערשטן, ער גיבט עס אדער נעמט עס אוועק, נישט קיין דער אדער יענער, קומט אויס אז אמונה האלט צוריק יעדער מין התנשאות און גאוה.

יעדער בר דעת פארשטייט אז אונז זענען נישט מייעץ דא ווי אזוי צו אויסאיידלען גאוה, נאר בפשטות ווייזן מיר אז עס איז נישט דא קיין שום סיבה און פלאץ פאר גאוה, נאר יעדער איינער דארף דאנקען דעם אויבערשטן פאר זיינע מעלות, און בו בזמן דארף ער אנערקענען אז דער צווייטער וואס האט נישט די מעלה איז עס ווייל השי"ת האט עס אים נישט חונן געווען, אבער אזוי ווי דו האסט דיינע מעלות פונקט אזוי האט א צווייטער זיינע מעלות, קיינער איז נישט קיין כל יכול, נאר השי"ת בכבודו ובעצמו, אויב אזוי איז נישט דא קיין מקום מיט וואס זיך צו גרויסהאלטן איבער א צווייטען. מיט דעם טייטשט **דער הייליגער רוזינער זצוק"ל** דער חז"ל **כל הגדול** ווער עס קען מכבד זיין א צווייטן און האלטן פאר א גדול איז א סימן אז **מחברו** אז ער האט ביי זיך דער מדה פון אהבת חבירו, אבער אויב ח"ו **יצרו גדול** אז ער איז א בעל גאוה, ער קען זיך נישט מכניע זיין פאר א צווייטער יוד, זאל ער וויסען אז קיינער איז נישט שולדיג נאר **הימנו** אז עס איז נאר ער אליינס ווייל זיין יצרו איז גדול האלט ער זיך אויך א גדול.

**דאס לימוד און התבוננות בתיקון המדות וועט זיין די ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה, ונתרפאו כל החולים, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זוכה זיין מקבל זיין די תוה"ק מיט אלע השפעות טובות, בעצרת כו"ע מודה דבעינן לכם, אז אם אין קמח אין תורה, יודען זאל האבן פרנסה בהרחבה נחת געזונט בברכת כל מילי דמיטב בבני חיי מזוני רויחי בטוב עין ושפע רב בכל העלמות ונזכה לגאולת עולם אמן.**

**גוט יו"ט**


בהנהלת הרב
יעקב יוסף ווייס
שליט"א
מאנסי, ניו יארק
בעמח"ס
בנתיבות החיים
פרקי הדרכה לחיי נועם שלוה

מבין ומדריך
בס"ד
סעד ועזר
אורה והדרכה
ילד בחור אברך
שע"י מרכז עזר 'נתיבות החיים' - מאנסי יע"א
אויב איר האט שוועריגקייטן
אין פריוואטן לעבן / ענייני חינוך / חיי הנפש / א.ד.ג.
און איר ווילט באקומען פערזענליכע הילף ע"פ תורה
קענט איר באשטעלן ביי אונז אן אויפנאמע
Tel: 845.384.2779 • Fax: 845.425.2218

בהמלצת הרבנים ומחנכים שליט"א
הרהגה"צ ר' יוחנן וואזנער שליט"א
ראב"ד דחסידי סקווירא ודומ"ץ קהל תוי"י מאנטריאל
הרה"ג ר' אברהם צבי וואזנער שליט"א
אב"ד דקהל ייטב לב סאטמאר - מאנסי
הרהגה"צ ר' ישעי' יעקב פארטיגאל שליט"א
בן אדמו"ר מסקולען שליט"א - רב דביהמ"ד מאור הגולה, מאנטריאל
הרה"ג הח' ר' יצחק משה ארלינגער שליט"א
בעמח"ס חסידות ושבע עינים - מירושלים עיה"ק תובב"א
הרה"ג ר' לוי ראטה שליט"א
דומ"ץ בעלזא - מאנטריאל
מוה"ר ר' לייב שטערנליכט שליט"א
מרכז החינוך - בארא פארק

STRICTLY CONFIDENTIAL!